IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**פֿון לאַנד שווינדזוכט • From the Land of Consumption**
By **Shloyme Gilbert**, translation by David and Abigail Weaver

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (November 2019)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/land-of-consumption]

# פֿון לאַנד „שווינדזוכט“

# From The Land of Consumption

Shloyme Gilbert
translated by David and Abigail Weaver

**Introduction:** Shloyme Gilbert was a short story writer and playwright from Radzymin, Poland. “From the Land of Consumption” is an early piece based on his own experience in a sanatorium. This story conjures a haunted world, vivid in color and texture. Gilbert’s repetition of certain adjectives and phrases creates a disorienting sense of time, and seems to suggest the unchangeable circumstances faced by the patients there.

Gilbert’s later work attracted the attention of critics including Shmuel Charney, who wrote about Gilbert’s careful attention to and sympathy for the lives of struggling working class Jews in Warsaw and surrounding environs. These were people whom he personally befriended and knew well. His short stories carefully and realistically depict the daily challenges faced by many of his subjects. According to Melech Grafstein, a friend and an early follower, Gilbert had a “hatred for everything that was that was indolent and luxuriant . . . At the same time, he was gentle and full of compassion for all who suffer, especially those who must suffer quietly.” (Our translation).

Some of his early work, however, was more visionary and expressionistic, perhaps reflective of his own interest in literary esoterica and the Zohar. “*Fun land shvindzukht”* is one such effort, drawing on hypnotically spare, repetitive prose and fantastical imagery. While resolutely secular in his later writings, Gilbert’s knowledge of Talmud was extensive and served as a source of inspiration for both his mysterious and lyrical early work, as well as for his fiercely moral later output.

A collection of Gilbert’s early stories was published in Warsaw in 1922, titled “*Noveln*,” which was favorably received by Charney and other critics. While interned in the Warsaw Ghetto, he was reputed to have completed a novel in manuscript form, which has never been recovered. Gilbert and his daughter were murdered at Treblinka.

# From The Land of Consumption

I have seen a land where the cold yellow sun stares through a glassy sky.

There a soft rain falls, and the strands of rain shine in the yellow glow of the sun.

The ground is paved with white, rectangular stones, and the houses are arranged in quiet, straight rows, their long windows glazed, like the white eyes of the dead.

I have seen people there with bony shoulders, protruding stomachs, thin legs. They walk with their hands on their breasts, stretching their yellow faces to the sun, struggling to breathe.

They all slink in the same direction—the men taking women by their limp hands, the women holding children. Their faces glow against the sun, and their pupils are yellow. On them and between them, the soft rain falls, and the strands of rain shine in the yellow sun.

Here and there someone pauses, hands clutching their chest, neck straining, and quietly expels soft yellow pieces onto the white rectangular stones.

The sun climbs ever higher into the sky, and the people lift their heads, their pace slowing.

And when the sun reaches the middle of the sky, the rain is held back, and the air is like lead . . . Now everyone comes to a standstill. Their pupils strain toward the sun, like yellow dots. Their mouths are open, breathless. This yellow transfixion remains until the sun begins its descent. Only then do the people start to walk again, and the strands of rain once again fall, on them and between them, shining in the yellow glow of the sun.

When the sun begins to quietly sink, illuminating the abandoned fields and fleetingly mirroring that land with a soft light, everyone falls to their knees with arms outstretched to the setting sun. Longing and prayer pour out over their sallow faces until the sun is gone, leaving them extinguished like dark pieces of lead.

* * *

Now it is night in that land. The yellow moon is fixed in the green glass sky like a dull metal plate. It does not shine.

The glass sky drops low, glowing over the abandoned fields.

There are no shadows. The houses stand naked, like rows of tombstones under the yellow extinguished moon.

All the windows are open; the green sky glows on their tall panes, bleaching the rooms inside.

There are people inside, some wearing long robes. Some quietly pace as though deep in thought—many lie stretched out before the open windows with fixed, protruding eyes. They gaze at the glass sky. Their faces labor, yet they cannot breathe.

The flattened moon looks down upon them, and they linger under its leaden stare.

And when the day begins to bleach the landscape, it reveals the people in the windows, in their loose robes, with their thin faces. They watch the far end of the sky, the quiet emerging of its yellow light.

*Di Yunge Gayst* Warsaw, 1908.

# פֿון לאַנד „שווינדזוכט“

איך האָב געזען אַ לאַנד — דער הימל איז, ווי אַ גלאָז און עס קוקט אַדורך אַ געלע זון און אַ קאַלטע.

עס ציט זיך אַראָפּ אַ לײַכטער, שטילער רעגן, און די שנירלעך רעגן לויכטן מיט דער געלער שײַן פֿון דער זון.

די ערד איז אויסגעפֿלאַסטערט מיט ווײַסע, פֿירקאַנטיקע שטיינער, און הײַזער זײַנען דאָרט אויסגעשטעלט אין גלײַכע, שטילע רייען — זייערע לאַנגע שויבן זײַנען פֿאַרגלייזט, ווי ווײַסלען פֿון טויטע.

איך האָב דאָרט מענטשן געזען — מיט שפּיציקע אַקסלען, מיט אַרויסגעזעצטע, גרויסע בײַכער אויף דינע פֿיס. זיי גייען — די הענט געלייגט אויף די בריסטן, אויסגעצויגן די געלע פּנימער צו דער זון און אָפֿענע מײַלער אויף אָטעם.

און אַלע האָבן זיך שטיל געשלײַכט אין איין ריכטונג — מענער האָבן פֿרויען פֿאַר אַראָפּגעלאָזטע הענט געהאַלטן, און פֿרויען האָבן אויף די הענט קינדער געהאַלטן. אַלעמענס פּנימער, באַלויכטן קעגן דער זון, מיט געלע אַפּלען. און אויף זיי, און צווישן זיי איז געפֿאַלן דער לײַכטער, שטילער רעגן. און די שנירלעך רעגן האָבן געלויכטן מיט דער געלער שײַן פֿון דער זון.

דאָ, דאָרט איז עמעצער שטיין געבליבן, די הענט אויף די בריסטן, אויסגעצויגן דעם האַלדז און שטיל אַרויסגעלאָזט אויפֿן ווײַסן, פֿירקאַנטיקן שטיין געלע, ווייכע שטיקער.

די זון איז געגאַנגען אין הימל אַרײַן אַלע מאָל העכער, האָבן די מענטשן געהויבן די קעפּ, און זייער גאַנג איז געוואָרן שטילער.

און אַז די זון איז געקומען גאָר הויך, אין מיט הימל, איז דער רעגן געוואָרן אויפֿגעהאַלטן, די לופֿט, ווי אַ בלײַ, און אַלע זײַנען שטיין געבליבן — אויסגעצויגן, די אַפּלען פֿאַררוקט צו דער זון, קליינע, ווי געלע פּינטעלעך, אָפֿן די מײַלער אָן אָטעם.

לאַנג אַזוי האָט געדויערט די געלע פֿאַרשטיינערונג. ביז די זון איז פֿון מיט הימל אַראָפּ האָבן די מענטשן ווידער אָנגעהויבן גיין, און די שנירלעך רעגן זײַנען געפֿאַלן אויף זיי, און צווישן זיי, און געלויכטן מיט דער געלער שײַן פֿון דער זון.

און ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן נידעריק אַראָפּלאָזן, און באַלויכטן יענעליידיקע, באַוואַקסענע פֿעלדער, און ווען זי האָט שוין אָנגעהויבן שטיל זינקען, און אויף אַ מינוט באַלויכטן און באַשפּיגלט יענץ לאַנד מיט אַ ווייך ליכטיקייט, זײַנען אַלע אויף די קניִען געפֿאַלן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו דער פֿאַרגייענדיקער זון, און אויף זייערע געלע, פֿאַרחלשטע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן בענקעניש און געבעט, ביז די זון איז פֿאַרגאַנגען און זיי זײַנען אַלע געבליבן, ווי אויסגעלאָשענע, טונקעלע שטיקער בלײַ —

---

אַ נאַכט איז אין יענעם לאַנד — דער הימל גרין, פֿאַרגלעזערט, און אַ לבֿנה שטייט אויף איין אָרט, ווי מאַט געל בלעך און לויכט נישט.

דער פֿאַרגלעזערטער הימל לאָזט זיך וויַיט אַראָפּ און בלאַנקט אויף ליידיקע, שטילע פֿעלדער.

און קיין שאָטן איז נישטאָ — די היַיזער שטייען נאַקעטע, ווי רייען מצבֿות אונטער דער געלער, אויסגעלאָשענער לבֿנה.

אַלע פֿענצטער זיַינען געעפֿנט; דער גרינער הימל בלאַנקט אויף די לאַנגע שויבן און בלייכט אַריַין אין די שטובן.

עס זיַינען זיך מענטשן — האַלב ליגנדיקע, טייל, אין לאַנגע כאַלאַטן, גייען אַרום שטיל, ווי אין זיך פֿאַרטראַכט... פֿיל ליגן אויסגעצויגן אין די אָפֿענע פֿענצטער, מיט שטילע, אויסגעזעצטע אויגן צום פֿאַרגלעזערטן הימל, געמאַטערטע פּנימער — אָן אָטעם.

די צעפּלאַטשטע לבֿנה קוקט אויף זיי, און זיי בליַיבן אונטער איר בליַיערנעם קוק.

און ווען דער טאָג הייבט אָן בלייכן, באַווייַזן זיך מענטשן אין די פֿענצטער, אין צעלאָזענע כאַלאַטן, און זייערע שיטערע פּנימער קוקן לאַנג צו יענעם עק הימל, ווי עס שווימט שטיל אויף די געלע ליכטיקייט.